לכל לראש נוגע ידיעת רצון העליון, און ניט די הבנה והשגה בחכמה כו'.

דערפאר דארף מען לכל לראש לערנען ספר הרמב"ם בכדי פשוט וויסן די הלכות שבתורה, באופן המובן "לקטן ולגדול"; און ערשט דערנאך קען מען עס לערנען בעמקות ושקו"ט וכו'.

כח. מ'וועט אויך רעדן עכ"פ איין נקודה אין היינטיקן שיעור רמב"ם בסוף הל' חמץ ומצה, וואס מ'געפינט דארט א חידוש גדול פון רמב"ם, ובפרט אז ס'איז אויך פארבונדן מיט א געשמאקער ענין אין דעם אלטן רבינ'ס שו"ע.

לאחרי וואס דער רמב"ם שרייבט די אלע פרטים פון דעם סדר של פסח, כולל שתיית ארבעה כוסות און איז מסיים וועגן טרינקען די לעצטע צוויי (פון די ארבע) כוסות - שרייבט ער[117]: "ויש לו למזוג כוס חמישי ולומר עליו הלל הגדול מהודו לה' כי טוב עד על נהרות בבל, וכוס זה אינו חובה כמו ארבעה כוסות".

דער מקור פון רמב"ם איז פון תשובות הגאונים[118] וואס נעמען אן די גירסא אין גמרא[119] בדברי ר' טרפון "חמישי גומר עליו את ההלל ואומר הלל הגדול" (און ווי מ'איז מבאר[120] אז ר' טרפון האלט אז דער כוס חמישי איז כנגד דעם פינפטן לשון אין פסוק[121] - "והבאתי", נאך די אנדערע ד' לשונות של גאולה וואס כנגדם זיינען די ארבעה כוסות[122]), און שיטת הרמב"ם איז (כשיטת כמה גאונים) אז דער כוס חמישי איז ניט קיין חובה ווי די ארבעה כוסות. אבער וויבאלד אז דער רמב"ם ברענגט דעם מנהג אז "יש לו למזוג כוס חמישי כו'", איז פארשטאנדיק אז ער האלט אז מ'זאל זיך אזוי פירן.

עס זיינען אבער דא אנדערע[123] וואס נעמען ניט אן די גירסא אין גמרא און האלטן אז ס'איז ניטא דער גאנצער ענין פון א כוס חמישי אפילו אלס א מנהג (רשות) - און אזוי איז די הלכה אין שו"ע וואו עס שטייט נאר וועגן ד' כוסות, און עס ברענגט זיך ניט (לכתחילה) וועגן א כוס חמישי אפילו אלס רשות.

זעט מען דא אבער א דבר פלא אין רמב"ם:

---

117) פ"ח ה"י. 118) נסמן לקמן הערה 125. 119) פסחים קיח, רע"א. 120) ארחות חיים ח"א הל' פסח סי"ג בשם הראב"ד (גירסתו בירושלמי שבהערה 122). השגות הראב"ד לבעל המאור פסחים שם (מהגדה). בהנסמן לקמן הערה 125. 121) שמות ו, ח. 122) ירושלמי פסחים פ"י ה"א. 123) רש"י רשב"ם ותוס' פסחים שם. בהנסמן לקמן הערה 125.

בנוגע צו די ארבעה כוסות שרייבט דער רמב"ם וואס מ'זאל מיט זיי טאן, כפשוט – אז מוזגין הכוס און דערנאך מאכט מען "בורא פרי הגפן" און מ'טרינקט דעם כוס, ווי דער רמב"ם שרייבט בא יעדער כוס באזונדער[124]; משא"כ באם כוס חמישי שרייבט דער רמב"ם נאר אז "יש לו למזוג כוס חמישי", און שרייבט ניט וואס מ'זאל טאן מיט דעם כוס, אז מ'זאל מאכן א ברכה און עס טרינקען?!

די קשיא ווערט נאך שטארקער:

אין די תשובות הגאונים – וואס זיי זיינען דער מקור לשיטת הרמב"ם (ווי הרב כשר צייכנט אָן און קלייבט צוזאמען די שיטות בזה אין זיין מאמר "כוס חמישי"[125], ער שטעלט זיך אבער ניט אויף דער דבר פלא אין רמב"ם) – שטייט בפירוש אז אויך אויף דער כוס חמישי מאכט מען "בורא פרי הגפן" און מ'איז שותה הכוס; איז דאס נאכמער מדגיש דער פלא אין רמב"ם וואס ער שרייבט ניט אז מ'מאכט "בורא פרי הגפן" און מ'טרינקט דעם כוס!

בכלל איז דא די "עצה" צו זאגן אז אין אונזערע דפוסים פון רמב"ם פעלן ווערטער, און אין כתבי יד שטייט אז אויפן כוס חמישי מאכט מען "בורא פרי הגפן" און מ'טרינקט דעם כוס – אבער דאס דארף מען "ארויסנעמען פון פינגער", ס'איז ניטא קיין כתבי יד וואו עס שטייט די ווערטער! ונוסף לזה: ווי לערנט מען פשט אין אלע דפוסים פון רמב"ם במשך כל הדורות אז עס שטייט נאר אז "יש לו למזוג כוס חמישי" און שטייט ניט אז מ'זאל עס טרינקען?

כט. דערפאר לולא דמסתפינא איז נלפענ"ד לומר – אז לשיטת הרמב"ם טרינקט מען ניט דעם כוס חמישי, און דער מנהג פון כוס חמישי באשטייט נאר דערפון וואס "יש לו למזוג כוס חמישי" אבער ניט אז מ'זאל אויף דעם מאכן "בורא פרי הגפן" און דאס טרינקען.

והטעם לזה: דער דין איז, ווי דער רמב"ם פסק'נט[126], אז נאך דער כוס רביעי "אינו טועם אחר כך כלום כל הלילה חוץ מן המים", במילא איז אסור צו טרינקען נאך א כוס יין (דעם כוס חמישי). דערפאר האלט דער רמב"ם אז בכדי יוצא זיין דעם ענין פון כוס חמישי (כנגד "והבאתי") דארף מען נאר מוזג זיין א כוס יין, אבער מ'טרינקט עס ניט, ווייל דעמולט איז אסור לשתות יין.

און דער ענין פון מוזג זיין א כוס און דאס ניט טרינקען

---

124) רפ"ח. שם סוף ה"ח. ה"י. 125) הגדה שלמה ע' קסא ואילך. 126) פ"ח שם.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

איז קיין חידוש ניט - מ'געפינט עס אין הלכה:

בשעת א סעודה פון ערב שבת ציט זיך אריין אין שבת, וואס דעמולט "אסרו חכמים לטעום כו' משהגיע זמן קידוש"[127], איז פאראן א דיעה[128] אז (אויב ער האט ניט פורס מפה געווען, איז) "לא יטעום מכוס של ברכה של ברכת המזון", ד.ה. מ'איז מוזג א כוס יין אבער מ'טרינקט עס ניט.

איז דערפון פארשטאנדיק בנדו"ד במכ"ש וק"ו: מה-דאך בא ברכת המזון וואס דארטן איז א חיוב גמור צו מברך זיין על הכוס[129] - איז מען אמאל נאר מוזג את הכוס אבער מ'טרינקט עס ניט, עאכו"כ בא דעם כוס חמישי וואס איז ניט קיין "חובה", איז זיכער שייך אז מ'זאל נאר מוזג זיין הכוס און ניט טרינקען (ווייל מ'טאר דעמולט ניט טרינקען יין).

משא"כ אין שו"ע ברענגט זיך ניט דער ענין פון כוס חמישי (לכתחילה), אפילו ניט דער ענין פון מזיגת הכוס בלבד (בלי שתי'), ואפילו ניט אלס רשות (ווי דער רמב"ם ברענגט).

ל. וויבאלד אז מ'רעדט שוין אין דעם ענין פון כוס חמישי - וועט מען מבאר זיין אן ענין בקשר עם זה אין דעם אלטן רבין'ס שו"ע:

דער אלטער רבי בשו"ע שלו (אזוי ווי אין שו"ע המחבר) ברענגט ניט דעם ענין פון כוס חמישי [משא"כ אין טור ברענגט זיך דער מנהג כו'].

ער דערמאנט עס נאר אין הל' פסח סימן תפ"א[130] אלס א סמך (בדיעבד) פאר אזא וואס דארף טרינקען יין נאך די ד' כוסות - אז אע"פ וואס לכתחילה "יש לחוש לדבריהם" פון די וואס אסר'ן שתיית יין אדער אנדערע משקין נאך די ד' כוסות, איז אבער אויב ס'איז "לצורך הרבה, כגון שהוא איסטניס או שתאב הרבה לשתות" און ער האט ניט קיין אנדערע משקין נאר יין, "יש להתיר לו לשתות כוס חמישי ולומר עליו הלל הגדול וכו'".

אבער ער ברענגט עס ניט אפילו אלס א מנהג פאר כאו"א (ווי דער רמב"ם ברענגט עס).

און מ'קען ניט זאגן (ווי אנדערע ווילן לערנען) אז דאס וואס דער אלטער רבי שרייבט לפנ"ז בסוף סימן ת"פ - פון חק יעקב[131]:

---

127) שו"ע אדה"ז או"ח סרע"א ס"ט. 128) הובא בשו"ע אדה"ז שם סי"ב. וש"נ. 129) ראה שו"ע אדה"ז או"ח סקפ"ב. וש"נ. 130) ממרדכי. רמ"א או"ח באן ס"א. 131) סק"ו.

הנחת הח' בלתי מוגה

"ונוהגין במדינות אלו למזוג כוס א׳ יותר מהמסובין וקורין אותו כוס של אליהו הנביא" - איז כוסו של אליהו דער כוס חמישי וועגן וועלכע דער רמב"ם און די גאונים רעדן - ווייל:

דער אלטער רבי שרייבט עס אין אן אנדער סימן פון וואו ער שרייבט וועגן כוס חמישי פאר א איסטניס (וועגן כוסו של אליהו שרייבט ער אין סימן ת"פ, און וועגן כוס חמישי שרייבט ער בסימן תפ"א),

און נאכמער: ער זאגט אז "קורין אותו כוסו של אליהו" (ווי עס שטייט אין חק יעקב) און ניט "כוס חמישי", אן אנדער נאמען לגמרי, וואס דאס ווייזט אז זיי זיינען צוויי באזונדערע זאכן.

ועוד ועיקר: אויב כוסו של אליהו איז דער כוס חמישי, האט יעדערער פון די מסובים געדארפט מוזג זיין דעם כוס (אזוי ווי יעדערער פון זיי איז מוזג און טרינקט די ד׳ כוסות), אבער דער אלטער רבי שרייבט (פון חק יעקב) אז כוסו של אליהו "נוהגין במדינות אלו למזוג כוס א׳ יותר מהמסובין", ניט א כוס פאר יעדערער פון די מסובים!

איז מכל זה מובן בפשטות אז כוסו של אליהו און כוס חמישי זיינען צוויי באזונדערע זאכן, און דאס וואס דער אלטער רבי רעדט בסוף סימן ת"פ איז וועגן כוסו של אליהו, וואס מ׳איז מוזג (נאר) "כוס א׳ יותר מהמסובין". און אין סימן תפ"א איז ער מוסיף אן אנדער ענין וועגן דעם כוס חמישי, אז פאר אן איסטניס "יש להתיר לו לשתות כוס חמישי כו׳".

לא. ועפ"ז וועט מען אויך פארשטיין דעם דיוק הלשון "למזוג כוס א׳ יותר מן המסובין", דלכאורה וואס איז דער פירוש אין "יותר מן המסובין"?

איז דער ביאור בזה:

דא רעדט זיך ניט וועגן כוס חמישי וואס גדרו איז נאך א כוס אזוי ווי די אנדערע פיר כוסות וועלכע יעדערער פון די מסובין דארף אנגיסן, ס׳איז מערניט וואס דאס איז א פינפטער כוס,

נאר דא רעדט זיך וועגן אן אנדער סוג כוס - כוסו של אליהו, וואס איז ניט (נאר) א הוספה פון נאך א כוס, נאר דאס איז א גדר אין די מסובים - עס קומט צו נאך איינער צו די מסובין בא דעם טיש - "כוס א׳ יותר מן המסובין".

ד.ה. אז דער חק יעקב, און דער אלטער רבי (וואס ער איז

הנחת הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

מעתיק לשונו) זיינען מחדש - אז ביז כוסו של אליהו זיצן באם טיש א מספר מסויים פון מסובים, ובשעת מ'גיסט אָן כוסו של אליהו, און דערנאָך איז פותחין הדלת בכדי אליהו הנביא (מבשר הגאולה[132]) זאל אריינקומען[133] [וע"ד ווי דער אלטער רבי שרייבט לפנ"ז (בנוגע צו ניט פאַרשפאַרן די טירן בליל פסח) אז - "אם יבוא אליהו ימצא פתח פתוח ונצא לקראתו במהרה, ואנו מאמינים בזה ויש באמונה זו שכר גדול. ולפנ"ז שרייבט ער אז פאר אמירת "שפוך חמתך" איז "פותחין הדלת כדי לזכור שהוא ליל שמורים ואין מתייראין משום דבר, ובזכות אמונה זו יבוא משיח כו'".

ווערט אליהו הנביא איינער פון די מסובים בא דם טיש, און דערפאַר גיסט מען פאר אים אָן "כוס א' יותר מן המסובין"!

לב. ע"פ הנ"ל אז כוסו של אליהו איז פארבונדן מיט "פותחין הדלת" ואמירת "שפוך חמתך" (וואס איז פארבונדן מיט די אמונה אין ביאת אליהו ומשיח) ווען אליהו קומט אריין אין שטוב און ווערט איינער פון די מסובין ("כוס א' יותר מן המסובין") - דארף מען פארשטיין נאך אן ענין:

בכלל איז דער מנהג בא כ"ק מו"ח אדמו"ר געוועזן און אזוי איז דער מנהג העולם צו אָנגיסן כוסו של אליהו נאך ברכת המזון (פאר אדער נאך מזיגת כוס ד'), אבער ב"זמנים ידועים" האט מען זיך געפירט בא כ"ק מו"ח אדמו"ר צו אנגיסן דעם כוס פאר ברכת המזון (ווי שוין געדרוקט[134]).

איז לכאורה ניט פארשטאנדיק: וויבאלד אז דער מנהג צו אנגיסן כוסו של אליהו איז פארבונדן מיט פתיחת הדלת ואמירת "שפוך חמתך" - איז פארשטאנדיק פארוואס מ'גיסט אָן דעם כוס נאך ברהמ"ז פאר פתיחת הדלת; אבער פארוואס זאל מען עס אנגיסן פאר ברהמ"ז, וואס האט דעמולט א שייכות כוסו של אליהו?

וי"ל בדרך אפשר:

ס'איז מבואר בכ"מ אז דער סדר והגדה של פסח טיילט זיך אויף צוויי חלקים - דער ערשטער האלב "סדר" איז פארבונדן בעיקר מיט יציאת מצרים, און דער צווייטער האלב "סדר" איז פארבונדן בעיקר מיט די גאולה העתידה, אנהויבנדיק פון "כורך" וואס איז זכר

---

132) פרש"י בחוקותי כו, מב. ובכ"מ. 133) סי' מהרי"ד. הועתק בהגש"פ עם ליקוטי טעמים ומנהגים ע' מג (באוצאת קה"ת תשל"ג ושלאח"ז. 134) הגש"פ (הנ"ל) ע' מב. ס' שיחות תש"ג ע' 58.

למקדש ("כן עשה הלל בזמן שביהמ"ק הי' קיים הי' כורך פסח מצה ומרור (אדער "מצה ומרור"[135]) ואוכל ביחד כו'"),

און דאס (דער צווייטער האלב "סדר") איז אויך כולל ברכת המזון, ווי מ'זעט אז דארטן רעדט מען וועגן משיח צדקנו ואליהו הנביא כו' - דעריבער איז שוין דעמולט (פאר ברכת המזון) דא אן ארט צו אנגיסן כוסו של אליהו.

ובפרט ע"פ דברי הגמרא[136] אז לע"ל נותנין כוס של ברכה לדוד המלך לברך עליו (וואס כוסו של דוד איז של רכ"א לוגין כמאחז"ל[137] עה"פ[138] "כוסי רוי'"). זעט מען דערפון נאכמער די הדגשת השייכות פון ברהמ"ז על הכוס מיט די גאולה העתידה, ובמילא מיט כוסו של אליהו, מבשר הגאולה.

לג. ויה"ר אז פון דעם דיבור בזה זאל אזוי ארויסקומען בפועל - אז "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים"[139],

און ווי דער אלטער רבי פסק'נט בנוגע צו "פותחין הדלת", "בזכות אמונה זו יבוא משיח כו'", און מ'פארשפארט ניט די טירן, "כי הוא ליל שימורים לכל ב"י לדורותם להוציאם מגלות הזה ואם יבא אליהו ימצא פתח פתוח ונצא לקראתו במהרה", און מ'וועט ניט ווארטן אפילו די צייט וואס עס נעמט אפשליסן די טירן - למטה מעשרה טפחים, בעגלא דידן, בטוב הנראה והנגלה.

* * *

לד. ס'איז ידוע דער מאחז"ל[140] אז בשעת מ'האט געפונען א "תוספתא עתיקתא", אדער "תוספתא חדתא"[141] (ווי די צוויי לשונות בזה[142]) - האט עס גורם געווען א שטארקער נחת רוח. ד.ה. אז ס'איז דא מעלה אין א "עתיקתא" און א מעלה אין "חדתא".

צו דעם שבת איז אהערצו אנגעקומען מבית הדפוס א נייער געדרוקטער ספר פון אוה"ת במדבר[143] און דארטן[144] איז געדרוקט א מאמר פון צ"צ ד"ה ועבד הלוי הוא וואס איז געזאגט געווארן בשבת מברכין תמוז שנת תקב"ץ - ובמילא איז אין דעם מאמר דא ביידע

---

135) ראה שו"ע אדה"ז או"ח סתע"ה סוף סי"ח. וראה הגש"פ (הנ"ל) ע' לו. 136) פסחים קיט, ב. 137) יומא עו, א. 138) תהלים כג, ה. 139) בתפלת העמידה. 140) ירושלמי פ"ח ה"א. 141) כ"ה בלקו"ת שה"ש כו, ב. שערי אורה ד"ה בכ"ה בכסלו פכ"ט. המשך תרס"ו ע' כח. שם ס"ע רלג. ועוד. 142) ראה גם שיחת שבת בראשית (התוועדות ב') ש.ז. ס"ו. 143) כרך ו'. 144) ע' א'תתסא ואילך.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

זיין נוגע בנפש, אז אע"פ ער האט יוצא געווען דעה וייכול, די עבודה מסודרת וכו׳ איז עס איט ניט געגוג, און ער דארף האבן די עבודה פון שפרינגען באופן שנוגע בנפשו, גיט מען דאס אים אויך.

ועי"ז קומט צו צום לשנה הבאה בארעא דישראל און לשנה הבאה בני חורין, בקרוב ממש, צי בעתה צי אחישנה, אבי מיט א מינוט פריער ארויסגיין פון גלות, און דאס קען זיין אפילו בשבת ויו"ט, וויבאלד אז מען שטעלט זיך אוועק העכער פאר הגבלת הזמן, און דאס זאל זיין בחסד וברחמים ובסבר פנים יפות בקרוב ממש.

ד. אין די קשיות פון מה נשתנה זיינען פאראן פיר קשיות. אבער אין משנה און רמב"ם ווערט געבראכט א פינפטע קשיא, וואס מען פלעגט פרעגן בזמן שביהמ"ק הי׳ קיים. און דאס איז אז שבכל הלילות אנו אוכלים בשר שלוק ומבושל וצלי וכו׳ הלילה הזה צלי, ווארום דער קרבן פסח האט געדארפט זיין צלי אש.

ועפ"י נגלה איז מובן פארוואס היינט זאגט מען דאס נישט, ווארום היינט איז דאך ניטא דער קרבן פסח, והדרבה מען זוכט אלץ פארווייטערן פון דעם חשש פון קדשים בחוץ, וכידוע הוראת כ"ק מו"ח אדמו"ר, וואס דאס איז ניט נאר א הוראה פאר רביים, נאר לכאו"א, אז מען זאל אראפנעמען די פלייש פון די זרוע, און מען זאל עס נעמען פון א עוף וואס מען קען נישט מקריב זיין על גבי המזבח, אלץ כדי עס זאל נישט אויסזען ווי קדשים בחוץ. ובמילא מובן במכ"ש אז מען קען ניט פרעגן די קשיא פון בשר צלי.

מ׳דארף אבער פארשטיין בפנימיות הענינים: די קשיות זיינען דאך איינגעשטעלט אין א סדר פון פיר, וכהנוסח סאטע איך וועל בייז דיר פרעגן פיר קשיות, ומבואר אז דאס זיינען כנגד די ד׳ עולמות אצי׳ ברי׳ יצי׳ עשי׳, ולכאורה איז דאך דער זעלבער סדר השתל׳ געווען אויך בזמן הבית, איז ווי אזוי איז געווען בזמן הבית פינף קשיות.

נאר דער ביאור בזה איז אז עס זיינען פאראן די ארבע הידות יהי׳ לכם, וחמישית יהי׳ לפרעה, וואס דאס גייט אויף דעם וואס בי׳ יתפרעין כל נהורין, אויף עצמות ומהות,

ווארום דאס וואס מ׳טיילט איין אין פיר איז דאס בנוגע עולמות אז אלע ענינים בנוגע עולמות גייען אריין אין די פיר. אצי׳ איז דער עליון ביותר און עשי׳ איז דער התחתון ביותר, וכמבואר בפרד"ס אז אצי׳ איז מלשון אצלו וסמוך, איז אלץ וואס איז נאר אצלו וסמוך, גייט עס אריין אין אצי׳, און אויב עס איז נידעריקער פון דעה, גייט עס אריין אין די נידעריקערע עולמות, ביז אין עשי׳, און אלע נידעריקסטע ענינים גייען אריין אין עשי׳, ווארום עשי׳ איז דער עולם התחתון שאין תחתון למטה ממנו.

עס איז אבער פאראן א פינפטער דרגא, וואס איז באי"ע צו די פיר און עס איז לגמרי העכער פון די גדרים.

ואע"פ אז אויך אין אצי׳ איז ניט נאר איהו וחיוהי חד נאר אויך איהו וגרמוהי חד, ביז אז דאס הייסט עולם האחדות ד.ה. אז אפילו די ענינים "עולם" שבאצי׳ שטייען אויך בבחי׳ אחדות כונ-דעסטוועגן איז עס א עולם, וכלשון החסידות מלשון העלם והסתר,

הנחה הת׳ בלתי מוגה

- מזא"כ די -

משא"כ די פינפטע דרגא איז שלא בערך כלל, ובאמיתית הענין דאי"ע, ווארום ס'איז דאך אין ערוך בין נברא לבורא ובין נאצל למאציל. וואס מטעם זה איז אע"פ אז מען דופט עס אן מיט'ן נאמען "והחמישית", גייט עס אבער ניטט אריין אין דעם מספר כלל, און באמיתית הענין הייסס עס גאר ניט קיין פינפטער.

ואין זה בדומה לבחי' עולמות הא"ס שלמעלה מאצי' וואס אע"פ אז זיי זיינען למעלה מהאצי' האבן זיי א שייכות צו אצי', ביז אז עס רעדס זיך בכ"מ אז די עולמות הא"ס שלמע' מאצי' ווערן נכלל אין כתר דאצי', וואס אויך כתר איז אצי', נאר דער כתר פון אצי', און אויך זיינען זיי עולמות מל' העלם והסתר, אבער די פינפטע דרגא וואס מען רעדס דא איז העכער אינגאנצן, כנ"ל.

און אט-די פינפטער דרגא, איז די פינפטע קשיא, וואס מען פלעגס פרעגן בזמן הבית, משא"כ בזמן הגלות.

והביאור בזה, פאדוואס דוקא בזמן הבית פלעגט מען פרעגן די פינפטע קשיא: דער חילוק פון זמן הבית און זמן הגלות איז דער חילוק פון יום ולילה. בזמן הבית איז געווען דער ענין פון יום, און בזה"ג איז דער ענין פון לילה. וואס דער חילוק פון יום ולילה אז ביום איז מאיר דער שמש, ד.ה. דער שמש (ומגן) הוי' (אלקים). משא"כ בלילה איז עס ניט מאיר.

אע"פ אז אויך בלילה איז פאראן דער אור הלבנה, וואס די לבנה איז עס מקבל פון שמש, דארטן שטייס עס אבער בהעלם. ועד"ז נאך מערער דאס וואס עס שטייט באגה"ק אז דער שמש איז מאיר לששים רבוא כוכבים מתחת לארץ בלילה, איז עס אויך בהעלם.

דעריבער איז בזה"ב האס מען געקענט פרעגן די פינפטע קשיא, ווארום דער ענין האט מאיר געווען, משא"כ בזה"ג אז דער ענין איז בהעלם, קאן מען ניס פרעגן די קשיא בדיבור ובגלוי, ווארום דער ענין איז בהעלם.

אע"פ אז אויך בזה"ג איז דער ענין פאראן בפועל, עס איז אבער בהעלם, ובמילא קאן מען דעם ענין ניט אראפטראגען אין מעשה און אין דיבור, וואס עקימת שפתיו הוה מעשה, בזמן הגלות, און מען פרעגט ניס די קשיא.

אין תורה איז עס פאראן אויך בזה"ג, וואס דערפאר קאן מען דאס לערנען אין משנה און אין דמב"ם, אבער מען זאל עס : כדעגן דאס קען נישט זיין. משא"כ בזה"ב האס מאיר געווען דער ענין אויך בגלוי, ומכ"ש אז לע"ל וועט עס מאיר זיין בגילוי. דעריבער איז דאן דא אויך די פינפטע קשיא, בנוגע צלי פון קרבן פסח, בגילוי, ווייל בזה"ב ומכ"ש לעתיד וועט זיין הקרבת הפסח בגילוי, און עיקר הענין וועט זיין לע"ל כמ"ש ושם נעשה לפניך כמצות רצוניך, אז דוקא לעתיד וועלן זיין די קרבנות בתכלית השלימות "כמצות רצוניך", ווי דער רבי מהר"ש איז מבאר באריכות אין המשך וככה.

ה. ע"ד ווי מען האס פריער גערעדט די פיר ענינים, זיינען פאראן נאך פיר ענינים, און דאס זיינען די ד' כוסות, וואס דאס זיינען אויך כנגד די פיר עולמות אבי"ע.

וואס די פיר כוסות זיינען כנגד די ד' לשונות של גאולה

הנחת הת' בלתי מוגה — והוצאתי והצלתי —

והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי.

דערנאך איז אויך דא פאראן א פינפטערענין, דער לשון והבאתי אתכם אל ארץ טובה ורחבה, וואס דאס איז די פינפטע דרגא וואס איז באין ערוך צו די פריערדיקע פיר, וואס די פריערדיקע פיר לשונות רעדן אלץ וועגן די יציאה מהגלות, משא"כ דער פינפטער לשון רעדט שוין לאחר וואס מען איז שוין ארויס פון גלות, און מען גייט אריין אין ארץ ישראל, וואס דאס איז באי"ע צו די פריערדיקע.

וואס דערפאר איז אויך פאראן דער ענין פון א פינפטערכוס ווי עס שטייט אין גמ' די דעות וועגן דעם כוס חמישי צי עס איז רשות, ביז דרגא עס איז דא א דעה אז עס איז חובה, אבער וויבאלד עס איז די הויכע שכנ"ל הוא בהעלם, איז נישא דער פינפטער כוס בפועל, און דאס וואס עס איז פאראן דער כוסו של אליהו איז דאס נישט קיין ענין וואס שטייט אין גמ' און ראשונים און אפילו אין אחרונים איז דאס בלויז אלץ מנהג און ניט אלץ דין.

וואס דאס איז בדוגמת די פיר קשיות וואס זיינען כנגד די פיר עולמות, און דערנאך איז פאראן די פינפטע קשיא, וואס דאס איז די פינפטע דרגא וואס איז באי"ע צו די אנדערע.

ולכאורה דארף מען פארשטיין: וויבאלד אז די פינפטע דרגא איז העכער פון השתל' וכו', איז ווי איז שייכות צו זאגן אין דעם א קשיא, עס שטייט ברע"מ ומובא באגה"ק אז כל קושיא איז מסטרא וואס איז היפך הקדושה, איז ווי איז שייך זאגן בדרגא זו א קשיא.

וועט מען דאס פארשטיין ע"פ וואס עס שטייט אין ע"ח אז עס זיינען פאראן כמה ספיקות בעתיקא קדישא. וואס ספיקות איז דאך דער ענין פון קשיות, זעט מען דאך אז אויך בדרגא זו איז פאראן קשיות.

ואע"פ אז כהר איז דאך א דרגא וואס איז שייך צו אבי' (כמשנ"ת בשיחה לפנ"ז), איז עס דאך לכאורה קיין ראי' ניט אויך בחי' "והחמישית" אויף די פינפטע דרגא - נאר דאס וואס מען זאגט אז עס איז שייך צו אבי' איז דאס אריך, משא"כ עתיק איז נעתק ונבדל לגמרי. און דאס איז די פינפטע דרגא וואס איז העכער פון השתל', און דארטן געפינט מען דעם ענין פון קשיות, יעדער ענין דארף דאך אראפ קומען אין נגלה, געפינט מען דאס אויך אין נגלה. וואס די גמ' זאגט כ"פ אז עס זיינען פאראן ענינים וואס זיינען קשה לגבי דעם אויבערשטענעןקשה לזווגם און קשה כקרי"ס וכו'.

וואס דאס מיינט נישט קשה לגבי א נברא, ווארום לגבי א נברא איז ניט נאר א נס קשה, נאר טבע איז אויך קשה, ובמכ"ש פון דעם וואס דער אלטער רבי זאגט אין שעהיוה"א אז אויך דער כח הפועל בנפעל האט אויף זיך כמה מדידות והגבלות, כ"ש א נברא, נאר דא רעדט מען קשה לגבי דעם אויבערשטען.

און דאס איז ניט מצד דעם פלא שבקרי"ס ואדרבה ער זאגט אין שעהיהוה"א אז בריאת שו"א איז א גרעסערער פלא פון קרי"ס. נאר דאס איז ווייל עס זיינען פאראן ענינים וואס אויך זיי זאגט מען אז זיי זיינען קשה לגבי דעם אויבערשטען, וואס דערפאר זאגט ער אז קרי"ס איז דער גרעסטער נס.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u> - זעט מען -

זעט מען אז עס איז פאראן א ענין פון קטה לגבי דעם אויבערזטען, וואס דאס מיינט אויך בבחינת עתיק. ווארום אויף קרי"ס שטייט ויולך הוי׳ את הים ברוח קדים עזה, ברוח קדמונו של עולם, און פונדעסטוועגען זאגט מען דארטן דעם לשון קטה.

וואס דער ביאור בזה איז. אז וויבאלד ער איז כל יכול און כולל כל ההפכים, איז ער אויך כולל דעם ענין פון קטה, נאר ווי עס שטייט דארטן איז עס אין א אופן פון אחדות הפשוטה, ד
וואס דערפאר קאן זיין א קשיא אויך אין פינפטע דרגא.

וואס דאס איז אויך דער פינפטער לשון וואס איז באי"ע צו די פריערדיקע פיר, דער והבאתי אתכם אל ארץ טובה ורחבה, דלכאו׳ אינו מובן פארוואס איז מען נתאר מעלה א"י מיט דעם נאמען ארץ טובה ורחבה.

נאר דאס איז מובן ע"פ המבואר בלקו"ת בענין טובה הארץ מאד מאד, אז עס שטייט צוויי מאל מאד, וואס דאס ווייזט אויף הרחבה אמיתית ובלי גבול, וואס דאס איז באי"ע צו די פריערדיקע פיר ענינים.

אבער אט דער פינפטער לשון והבאתי, און אזוי אויך כוס חמישי איז איצטער נאר בהעלם, כנ"ל.

און ע"ד ווי גערעדט פריער בנוגע די פינפטער קשיא, וואס בזמן הזה פרעגט מען נישט די קשיא, מצד דעם וואס איצטער איז מען ניט מקריב דעם פסח ואדרבה מען מאנט אלע הרחקות דערפון כנ"ל

- וואס אין דעם זעט מען דאך דעם אי"ע פון זמה"ב צו זמה"ג, אז בזמ"הב האט מען מקריב געווען אויך בפועל דעם קרבן פסח (וואס ער איז דאך אן ענין נעלה ביותר, וואס ער איז סיי א קרבן יחיד, און סיי ער איז דומה לקרבן ציבור ודוחה את הטומאה) און היינט איז ניט נאר וואס מען טאר אים ניט מקריב זיין נאר אדרבה מען מאכט גאר כל ההרחקות כו׳ -

אבער אעפ"כ זיינען די ענינים ברוחניות פאראן אויך איצטער. וכידוע בענין תפלות כנגד קרבנות תקנום. ועי"י עבודה ברוחניות בבחי׳ החמישית, איז דאס גופא וועט זיין א כלי צו מעורר זיין עס אויך בגשמיות, אז עס וועט זיין דער והבאתי אתכם אל ארץ טובה ורחבה, בקרוב ממש.

ד. מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע וראב"ע ור"ע ורבי טרפון שהיו מסובים בבני ברק וכו׳ עד שבאו תלמידיהם ואמרו להם רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של שחרית. פון דעם לשון עד שבאו תלמידיהם איז משמע אז זיי זיינען געקומען ממקום אחר, ולכאורה האבן זיי דאך גע- דארפט זיין צוזאמען מיט רבותינו,

ווארום זיי זיינען דאך געווען אמת׳ע תלמידים, וואס דער ענין פון א תלמיד איז לא ימוש מתוך האוהל, און ביי אס-די מסיבה ביי די פארברייננגען, וואו דער רב זיצט דארפן אויך זיצן די תלמידים איז פארוואס זיינען זיי ניט געווען צוזאמען מיט זייערע רבי׳ס.

פאראן
עס זיינען וואס ווילן ענטפערן אז ר"א לשיטתו. וויבאלד די

- גמ׳ זאגט -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>